געפּ – 1.

ג ע פ ד ע ט – פאר פון פאדען.

ג ע פּ אָ ד ק ע ו ו ע ט - אַדי. מיט פּאַדקעווועס.

% געפּאַדקעוועטע פּערד.

1924 " ברעטער סקריפּען אונטערן הילכיקן קנאַקן

א/1 פון געפּאַדקעוועטע שטיוול". אַרשאַנסקי, 1, 44.

1930 " ער קלאַפּט פּאַר כּעס מיט די געפּאַדקעוועטע

1 שטיוול". אש, 11, 201.

2|1 גע -

גע פֿ אָ ו ו ל ט - (עלט) קאַפּאַבל, מסוגל, פֿעיִק, גרייט.

|ליפֿשיץ 2, האַרקאַווי|.

ג ע פּ אַ ט ש – דער, בא. (שבש) דאָס פּאַטשן,

1966 " זייער |די וועכטערס| אָפּשטויסנדיק וויל־
טיקדיקער געפּאַטש מיט די וויִעס האָט ווי מיט פּריסיק 3
געשמיסן דעם זקן איבערן פּנים". מאַרקיש, 12.

|| געפּאַטשערײַ – דאָס, בא. 1. ~~[illegible]~~

1866 " אַ געשלעג, אַ געפּאַטשערײַ, מען האָט זיך באַרד
און פּאות אויסגעריסן". פּער 177, נ' 5, 70. 5

1878 " בײַ דעם גאַנצן געפּילדער און געפּאַטשערײַ
|פֿון די מחותּנתטעס| האָבן זיי דאָס ייִדישקייט 7
דאָך נישט פֿאַרגעסן". ימבר"ע (1), 45.

2. דאָס פּליעסקען (פּאַטשן) מיט די הענט, דאָס אַפּלאָדירן.

געפּ - 5.-4

1895 "עס איז געוואָרן צווישן די געסט אַ גרויס געלעכטער און אַ געפּאַטשעריי מיט די הענט".

אנ, אַמעריקאַנישע גליקן, ז' 107.

1946 "דאָס געפּאַטשעריי פֿון וויַיבער און קולות פֿון מזל=טובֿ |...|". י.י. טרונק, 5, 224.

8

4-.5 - געפּ

1895 " עס איז געוואָרן צווישן די געסט אַ גרויס געלעכטער און אַ געפּאַטשעריי מיט די הענט".

אַב, אַמעריקאַנישע גליקן, ז' 107.

1946 " דאָס געפּאַטשעריי פֿון וויַיבער און קולות פֿון מזל=טובֿ |...|".  י.י. טרונק, 5, 224.

ג ע פּ אַ ט ש ט – <u>פֿאַר פֿון</u> <u>פּאַטשן</u>.

(?נ?) געפּאַטשקעט - פּפּ געפּאַצקעט. 1. פֿאַר פֿון

פּאַטשקען/פּאַצקען

2. נאָר אין דער פּראָזע:

אײדל געפּאַטשקעט - (איר) געבאַלעװעט, געפּעסטעט, איבערקלײַבעריש, קאַפּריזנע.

1868 " עס, כ׳לעבן, רבי, איר האָט אַ טעות! |...| זײ |די װײַבער| זענען גאָר ניט אַזוי אײדל געפּאַצקעט". פּער 177, נ׳ 23, ז׳ 167. 57

1928 " װאָס טויג מיר חתונה האָבן מיט אַ מויד און נאָך דערצו אַזאַ אײדעלע, אַזאַ געפּאַטשקעטע". 13

אנ. די שטיפמוטער, 24.

1960 " די דאַטשניקעס זענען אײדל געפּאַטשקעט און װילן אויף אָנבײַסן נאָר אײער=בײגל". 11

סימאן, 2, 232.

געפ - 8.

(?נ?) ג ע פ א י - דער, בא. "דאס פאיען, פערד, בהמות" |קטוו|.

(געבן טרינקען)

(?נ?) || געפאיערני - דאס, בא. "דזוו דפוו" |קטוו|.

ג ע פּ אַ י אַ צ ע וו ע ט - <u>פאַר פון</u> <u>פּאַיאַצעווען</u>.

ג ע פ אָ י ע ט – פאַר פון פאיען.

ד׳

ג ע פ א כ ט - פאר פון פאכטן.

(ג ע)פּ אָ ל י ר ט - פֿאַר פֿון פּאָלירן.

ג ע פ א ל מ ע ס ט - פאר פון פאלמעסן.

ג ע פּ אָ ל ס ט ע ר ט – <u>אַדי/אַדוו</u>. (<u>עלט? דטשמ?</u>)

ווייך אויסגעבעט, באַדעקט (טאַפּעצירט) מיט אַ ווייכן

שטאָף.

1885 " דאָס טינטפֿאַס שטייט אין אַ קעסטל פֿון פּאַלמהאָלץ,

<u>געפּאָלסטערט</u> מיט בלומען=טאַמעט". <u>פּער 74, ז' 24.</u> א/57

ג ע פ ּ א ל ע ט - פּאר פּון פֿאלען.

ג ע פּ אָ מ פּ ע װ ר ע ט – <u>פֿאַר פּורן</u> <u>פֿאַמפּעװרען</u>.

ג ע פ אָ מ פ ע ט - פאר פון פאמפען.

ג ע פֿ אַ נ צ ע ר ט – 1. פֿאַר פֿון פֿאַנצערן.

2. אַדי/אַדוו. אָנגעטאָן אין אַ פֿאַנצער. % דער ריטער
איז אַרויס צום טורניר אַ געפֿאַנצערטער פֿון קאָפּ ביז
די פֿיס.

3. באַדעקט מיט אַ שוץ פֿון מעטאַל קעגן קוילן.
% געפֿאַנצערטער אויטאָ. געפֿאַנצערטע וואָגאָנען.

ג ע פ א נ ק ע וו ע ט - פאר פון פאנקעווען.

ג ע פ ֿ אַ ס ט ! - 1. פֿאַר פֿון פֿאַסטן (מעסטן).

2. גוט צו דער מאָס, אַקוראַט צום גוף, ניט ברייט ניט שמאָל (וועגן מלבושים, שוכוואַרג). % ער טראָגט שיינע געפֿאַסטע שטיוועלעך.

1913 " פֿערדיונגען מיט די לעדערנע הויזן, געפֿאַסטע שטיוועלעך און די באַטיקלעך אין די הענט".
40/א

אש, 2א, 52.

[1930-1926] " רעבעקאַ איז געזעסן |...| און הינטער דער געפֿאַסטער בלוזקע האָט ס'ליִיב, אַן אָנגעקוואָלנס, זיך
40
געשוימט, איבערגעגאַנגען". אפֿאַטאשו, 12, 113.

1945 " נעמסט פֿונעם קאַסטן אַרויס// אַ טורמע=כאַלאַט א געפֿאַסטן". לייוויק, 8, 71.
37

3. פֿאַסיקע, גוטע.

... " דער זיידע האט געהאט א געפּאסטע סוכה, וואס
איז געשטאנען אַ גאנץ יאָר. זי איז געווען געבויט
מיט באַלקנס און געהאט פּליגל". באשעוויס, 5, 147.

1965 " פּאַר יעדן פון זיי האָט ער געהאַט א געפּאסטע
שפּראַך". קאגאנאווסקי, 4, 37.

---

רעד: זיכער איך אויסטײַטש פון "געפּאַסט" איך צוויי
ציטאַטן - מע דאַרף האָבן ברייטערן קאָנטעקסט.

---

|| געפּאַסטערהייט - אדוו. [illegible]

געפּאַסטקייט - די, בא. [illegible]

ג ע פּ אַ ס ט !! - פּאַר פֿון פּאַסן, (זײַן פּאַסיק, גוט, אָנשטענדיק).

געפּ – 23.

געפּאָסטער – דער, =ס. (גלש) אַ זגאַל גנבים

|סטוטש 483|.

24 - ג׳עפּ

אומבדעגעהויפּערט.

געפּאַסיקט - אַדי/אַדוו. 1. מיט פּאַסן/פּאַסיקלעך, געשטרײַפּט. % ער טראָגט אַ געפּאַסיקטע פּיזשאַמע.

אין זאָאָפּאַרק איז אויך דאָ אַ געפּאַסיקטע היענע.

1960 " מיט אַ געפּאַסיקטער ליניע איז אַרויפּגעטראָגן אויף דער מאַפּע די אינלענדישע גרענעץ |...|". 46

א. ווײַנרײַך, 90, XX - 3, ז' 88.

2. וואָס ציט זיך, זעט אויס ווי אַ פּאַס.

1929 " אין דער זײַט, געפּאַסיקט מיט אַ שמאָל געסל, איז געלעגן שלעפּעריק דער מאַרק". מאַרקיש, 4, 86. 47

ג ע פּ אַ ס ע ו ו ע ט - <u>אַדי/אַדוו.</u> מיט (אין) פּאַסן.

1920 " דו, אויסגעהאָניקטע, אויף טורעמשפּיץ פֿון
סדום, // מיט לײַב מיט נאַקעטן, <u>געפּאַסעוועט</u> פֿון 49
שמיץ |...|". <u>מאַרקיש, 1, 75.</u>

1961 " ער האָט געזען אין שפּיגל אַ צענדליק מענטשן=
סקעלעטן אין די אויסגעדרילעוועטע, <u>געפּאַסעוועטע</u> 50
קאַצעט=פּידזשאַמעס". <u>ב. שעפּנער, פֿער 155, VIII 19.</u>

ג ע פּ אַ ס ע ט - 1. פֿאַר פֿון פֿאַסען (פֿערד, בהמות).

2. אַדי. (פֿעיִק) דיק, פֿעטלייַביק, אָנגעפּרעסן.

1883 " וואָס איז אים איך ספּאָדיק אַזוי ענג? |...| אַז געפּאַסעטע נגידים פֿאַרשווענדן דעם אָרעמאַנס טרוד |=אַרבעט, האָרעוואַניע|, אַז חסידים פֿלוידערן זייערע פֿאַטשטן איך באָד?". לינעצקי, 7, 36. 52

ג ע פּ אַ ס ק ע ו ו ע ט  -  <u>אַדי/אַדוו.</u> מיט פּאַסן/פּאַסיקלעך; געשטרײַפּט.

1967 " ער האָט געבראַכט פֿאַר יאַנען פֿון דורכהויף אַ
פֿאַר <u>געפּאַסקעוועטע</u> הויזן מיט אַ ראָק". <u>קאַרפּינאָוויטש.</u> 55

ג ע פּ אַ ס ק ע ט – <u>אַדי/אַדוו.</u> מיט פּאַסן/פּאַסיקלעך;
געשטריפּט.

1965 "אויפֿגעלייגט און מונטער האָט זיך הערי |...|
געפֿילט צווישן די |...| טונקל פּיאָלעטע באַקלאַזשאַנעס, 54
|...| <u>געפּאַסקעטע</u> קאַווענעס, גאָלדיקע צוקער=מעלאָנעס".
<u>שניאור, פֿער 69, VIII 8/.</u>

געפּ – 30.

ג ע פ אַ פ ר י צ י ר ט – אַדי. מיט פֿאַבּריקע.

1907 " און עס האַלט שוין |...| ביַי די זיסע, פּעפּערדיקע געפֿאַבּריצירטע, צוקערדיקע, שמעקעדיקע פּיש |...|". 56

שלום=עליכם, 18, 120.

ג ע פֿ אָ פ̄ ט – ----← געפֿאָפ̄ן.

געפ – 32.

ג ע פ אָ פ ן – ----> פאר פון פאפן, פפ געפאפט/געפאפעט.

ג ע פּ אָ פֿ ע ט    - -----→ געפּאָפֿן.

ג ע פּ אַ צ ק ע ט - <---- <u>געפּאַטשקעט</u>.

ג ע פּ אַ ק – דער, בא. 1. (אַ סך) פּעקלעך, באַגאַזש.

% די פּאַסאַזשירן אויפֿן וואָקזאַל היטן זייער געפּאַק.

אין עראָפּלאַן מעג מען נעמען נאָר אַ באַגרענעצטע צאָל געפּאַק.

1870 " היינטיקן פּאַר=פּסח פֿאַרפֿאָרט צו מיר אַ גרויסע
בויד מיט טשעמאָדאַנעס און מיט גרויסע פּעקאַוועס 59
|=פּוכענע, פֿון פֿון| געפּאַק". פּער 177, 200 – II.

1969 " מחנות זעלנער מיט געווער און געפּאַק זײַנען
אַרויס דורך די טויערן אין די גאַסן פֿון שטאָט". 61
מ. דלוזשנאָווסקי, פּער 9, ראש=השנה=גומער, ז' 33 – 2.

2. (פֿיג) עול, יאָך, שווערקייט.

... " וואַרפֿסט אַראָפּ // פֿון די פּלייצעס אין צאָרן,
// די נשמה יונג און דרייסט,// דעם געפּאַק, וואָס 58
לאַנגע יאָרן// האָט געדריקט, געשטיקט דײַן גייסט".
פּער 143, ב' II, ז' 245.

(?נ?) ג ע פ א ק ט - 1. פאר פון פאקן ! + !!.

2. פול, אנגעפילט, איבערגעפילט מיט מענטשן.

% א געפאקטער טעאטער=זאל.

|1931 - 1935| " |...| האבן זיי נאך דעם געקוקט

קאנק אויפן געפאקטן קלוב דורך גראבע טרערן אין די

אויגן |...|". מ. קולבאק, 9/8, 188.

1968 " דער ראש=ישיבה ר' שמחה האט ליב א געפאקטן

קאנק בית=מדרש". גראדע, 7, 253.

3. דיק, פעטלייביק. % א געזונטער, געפאקטער פארשויין.

1907 " איך האב אייך גערופן! - מאכט צו מיר א קייללעכיק

77 געפאקט יידל מיט אן אויסגעפליקט בערדל".

שלום=עליכם, 16, 157.

1944 " זײַן װײַב שרה=בינע, אַ קלײנע געפּאַקטע ייִדענע |...|". י.י. טרונק, 3, 54. קאנק

1948 " |...| איז ער אױסגעװאַקסן אַ געדראָלענער לעפּאַק, מיט געפּאַקטע הענט, פּיס, פּלײצעס און פּנים". נסתּר, 6, 431. קאנק

|| געפּאַקטערהײט - אַדװ. *אױף מײַן פּנים ליגן געפּאַקט.*

געפּאַקטקײט - די, בא. אײגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן געפּאַקט, ב 3.

1937 " מיט מיר איז ער גאָר געװען פֿאַן=בראַט, |...| אָנגעקװאָלן פֿון מײַן געזונטן אַפּעטיט |...| און פֿון מײַן געפּאַקטקײט". אלחנן צײטלין (1), 499. 87

געפּאַקט װי הערינג אין פֿעסל; װי די קערעלעך אין א מילגרוים - זײער פֿול, איבערגעפּילט.

ג ע פּ אָ ק ט – פֿאַר פֿון פּאַקן (האָבן פּאַקן).

ג ע פּ אָ ק ע נ י ש – דאָס, באַ. אַנזאַמלונג פֿון אַ סך מענטשן, ~~צונויפֿגעזאַמלט~~.

1968 " איך בין אַרײַן צום קאָזשעניצער רבין, |...| געווען דאָן אַ געפּאַקעניש פֿון חסידים |...|".

מ. אַלבערשטיין, יזב 2, 204. 91

אופּה 13 בעפּ

ג ע פּ אָ ר ט [ - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>פּאָרן</u> (זיך).

40/1 - געפ

געפֿאַרט - אדי/אדוו. געאַרדנט/אויסגעשטעלט
אין פֿאָרן, פֿאַרוויַיז. % די תּלמידים גייען אין
געפֿאַרטע שורות אויפֿן שפּאַציר.

ג ע פ א ר ט א ט ש ע וו ע ט - פאר פון פארטאטשעווען.

געפ - 42.

געפאָרלט - אַדי/אדוו. אין אַ פּאַר(פּאָרל),

צונויפגעפּאָרט, אין אַ זיווג.

1952 " זײ׳ |די טויבן| פּיקן זיך אויך אין די קעפּלעך

פּאַר אַ קרישקעלע ברויט,|...| זייער שלום=בית איז 95

|...| ניט בעסער ווי בײַ געוויינלעכע געפּאָרלטע".

דער לעבעדיקער, פּער 166, II/29.

געפֿאָרן - |ווערב? סובב?|, (שנש) בנב. (?נ?)

1950 " אַלץ גייט צום גוֹאל, ווו ס'ליגן אַלע סופֿן // און אַלע אָנהייבן אין אייביקן געפֿאָרן". 96

ניסענזאָן, 4, 45.

רעד: דאָס וואָרט איז ניט דײַטלעך געשריבן אויפֿן קאַרטל. דאָס וואָרט דאַרף מען טאַקע אַזוי לייענען? כ'מיין, אַז ס'דאַרף זײַן אין אייביקן געפֿאָר = אין אַ פֿאָר, געפֿאָרט = צוזאַמען.

ג ע פּ אָ ר ס ק ע ט – <u>פּפּ</u> <u>געפּארשקעט</u>. <u>פּאר פֿון</u> <u>פּארסקען</u>.

ג ע פּ אַ ר ע ט - <u>פֿאַר פֿון פּאַרען</u> (זיך).

ג ע פּ אָ ר ע ט - פֿאר פֿון פֿאָרען (זיך).

ג ע פֿ אַ ר ע ר ײַ – דאס, בא. דאס פֿאַרען זיך לאַנג אָדער
פֿון אַ סך מענטשן.

1868 " איך יעדער שטוב |...| אַ געזעמל, אַ געפֿאַרערײַ,
100 װי איך אַ קלוב". פֿער 177, נ' 46, ז' 338 - !!.

... " איך דער װװינונג |טעקסט: װאָהנונג| איז געװען
100/א עפּעס אַ געפֿאַרערײַ, אַ געטומל". פּרץ, מעשׂיות|?|.

געפ – 48.

ג ע פּ אָ ר פּ ל – דער, בא. דאָס פּאָרפּלען זיך |סטוטש 202|.

ג ע פ אָ ר פ ל ט - פאר פון פארפלעז (זיך).

ג ע פֿ א ר ק ע ט - פֿאַר פֿון פֿאַרקען (זיך).

געפּאָרקערײַ - דאָס, בא. דאָס דויערנדיקע פֿאָרקען זיך.

1968 " בעתן אַרויסיאָגן זיך פֿון שלאָפֿצימער האָט זי דערוואַרט צו הערן אַ געפֿאָרקעריַי פֿון קיך, ווו די מוטער האָלט אין צוגרייטן |...|". ל. טרייסטער, 102

פֿער 15/XI,69.

ג ע פֿ אָ ר ש ק ע ט - ---- ← געפֿאָרסקעט.

געפ - 53.

ג ע פֿ אַ ש ע ט - פֿפּ געפּֿאַסעט. 1. פֿאַר פֿון פֿאַשען/פֿאַסען.

2. פּעט, פּעטלײַביק.

// געפֿאַשעטער מת - (איר, פֿעיא) דער טויטער גוף פֿון אַ רײַיכן מאַן.

1868 " בעט איך דיך, גאָטעניו, באַשער מיר אויפֿן נײַעם יאָר אַ פֿינף זעקס | אַ עלכע | געפֿאַשעטע מתים". ליניעצקי, 9א, 52.

105

ג ע פּ ג ר ט |געפּייגערט| – פּאַר פּון פּגרן.

געפ – 55.

(נ½?) ג ע פֿ ד י ר נ ט |געפֿידיענט| – פֿאר פֿון פֿדיונען.

ג ע פֿ ו ד ע ר ט - פֿאַר פֿון פֿודערן (זיך).

ג ע פּ ו ט ע ר ט - אַדי. אָנגעשמירט מיט פּוטער.

1926 " מאַכט דערפון |פון די אייער און צעריבענע

127 קאַרטאָפל| אַ לאַנגן לאַבן, לייגט אַרויף אויף אַ געפּוטערט

בלעכל און באַקט איין אין אַ מיטל הייסן אויוון".

מישולאָוו, (1), 117.

ג ע פֿ ר י ז ע ט - <u>פֿאַר</u> <u>פּון</u> <u>פֿויזען</u>.

געפּויק – דער, בא. דאָס דויערנדיקע פּויקן אָדער דאָס פּויקן פֿון/אין אַ סך זאַכן.

1952 " קלאַנגען קלעטערן |...| מיט געפּייף, געפּויק".

132 אפֿרים אויערבאַך, 4.

1974 " אַ געפּויק פֿון שרײַבמאַשינען איבער דעם הויז

131/א פֿון סקאָטלאַנד־יאַרד". עלבערג, 2, 343.

|| געפּויקערײַ – דאָס, בא. דזוו דפּוו.

ג ע פֿ ו י ק - דער, בא. דאָס דויערנדיקע פֿויקן אָדער דאָס פֿויקן פֿון/אין אַ סך זאַכן.

1952 " קלאַנגען קלעטערן |...| מיט געפּיַיף, געפֿויק". 132
אפֿרים אויערבאַך, 4.

1974 " אַ געפֿויק פֿון שרײַבמאַשינען איבער דעם הויז פֿון סקאָטלאַנד-יאַרד". עלבערג, 2, 343. א/131

|| געפֿויקערײַ - דאָס, בא. דזוו דפֿוו.

ג ע פ ו י ק ט - פֿאר פֿון פֿויקן.

ג ע פֿ ו י ש ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>פֿוישן</u> (זיך).

ג ע פֿ ו ל ו ו ע ר ט - אַדי/אַדוו. (עלט) צעקלאַפּט

איף פֿולווער, שטויב, צעשטויבט; פֿולווריזירט.

1943 " ווי וועט אויפֿגיין אַלץ צוריק, // אַז געפֿולווערט

זײַנען תּוכן,// אַז אויף צען מאָל טויזנט שטיק// 135

ליגט די רו אַליין צעבראָכן". לייוויק.

---

רעד: אויפֿן קאַרטל איז טאַקע מער ניטאָ ווי דער נאָמען

לייוויק (גענויער: די קירצונג "הל") און אַ יאָר.

פֿון וועלכן ווערק? זײַט?

---

גיפולוורט/גיפולברט.

1610 " די ווונדן | ניט גיפולברט און' ניט גיפלשטרט

און' ניט גיוויקט מיט איל". טײַטש=חומש, דברים, 133

הפטורה, ישעיה א - ו.

1717 " אך איז גוט |פֿאַר קינדער וואָס נעצן נאָך

אין בעט| איין שוואנטץ פון איין מוז גיפולוורט 134

אין ביאר און געבן אז זיא ניקש ווישן".

ס' החיים, 2, נט - 2.

גאַפּ – 64.

ג ע פּ ו ס ט ע וו ע ט – פֿאַר פֿון פּוסטעווען.

געפֿועלט |געפֿוי(ע)לט|. = 1. פֿאַר פֿון פֿועלן.

2. (נש) אויסרוף פֿון באַשטעטיקונג, הסכּמה; מסכּים!

גוט! אָפּגערעדט! |אַווו|. % מאָרגן טרעפֿן מיר זיך

אין טעאַטער! - (E: O.K.) געפֿועלט!.

---

רעד: ס'איז ניט שלעכט, אָבער פֿאַר וואָס טויג ניט צו ניצן טאַקע דאָס ענגלישע "אָ =קעי!", איז איצט אָנגענומען אומעטום?

---

ג ע פּ ו צ ט - פֿאַר פֿון פּוצן.

|| גע**פּו**צטערהייט - אַדוו. איך מצבֿ פֿון זײַן געפּוצט.

% געפּוצטערהייט זעען די אַלטע שיך אויס ווי נײַ.

געפּוצטקייט - די, בא. אײַגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן געפּוצט.

ג ע פּ ו צ ע ר ײַ – דאס. באַ. דאָס דויערדיקע

פּוצן (זיך), דאָס פּוצן (זיך) פֿון אַ [illegible]ר מענטשן.

1885 "צווישן די אײַנגעלאַדענע דאַמען איז געוואָרן

אַ פֿרייד, אַ טאַנצערײַ, און אַזוי אַ געריכטערײַ און 153

אַ געפּוצערײַ". זילבערמאַן, (1), 34.

(?נ?) געפּוקלט – אדי/אדוו. בנב.

... "פֿאַרזשאַווערטע ביקסן, געפּוקלט אין פֿליאַמעס".

סוצקעווער |ב? ב|, ז' 513. 155

רעד: וואס איז "געפּוקלט", ווייס איך, אָבער וואָס מיינט "געפּוקלט" אין פֿליאַמעס"?... און אפֿשר דאַרף מען לייענען "געפּוקלט"?(אין קאַרטל איז דער "פּ" אָן אַ פּינטל) ווייס איך אויך ניט וואָס מיינט עס...

ג ע פּ ו ק ע ט – פֿאַר פֿון פּוקען.

ג ע פּ ט ר ט |געפּאַטערט| – פֿאַר פֿון פּטרן.

ג ע פ ײ נ י ק ט – פֿאַר פֿון פֿײניקן.

72 - דא

ג ע פֿ ײַ ק ל - <u>דער, בא</u>. דאָס דויערנדיקע פֿײַקלען אָדער
דאָס פֿײַקלען פֿון אַ סך פֿײַקלעך.

1955 " עס האָט זיך געטראָגן אַ ווײַטער <u>געפֿײַקל</u>".

170 <u>אָפּאַטאָשו, 18.</u>

ג ע פֿ ײַ ק ל ט - פֿאַר פֿון פֿײַקלען.

ג ע פֿ י ל ד ע ר - דָאס/דער, בא. טומל, ליאַרעם, געשריי,

(ס'רוב וועגן מענטשלעכע קולות).

182... " |...| דיא עטליכי גראשן זענין צי שטרידלט

גיוווארן אין דעם גפילדר, אין דער שם טוב איז און 176

דערשלאגן |...|". מאלאגה, (1), 244.

1878 "עס וואָלט געוואָרן אַ ליאַרעם, אַ געפֿילדער, זי

וואָלט אים אָפּגעווייינט מיט טרערן". מענדעלע, 16א,25. 196

1907 " אינדיקעס אַ פּאָר דרייען זיך אַרום |...| אין

הויף און פֿאַרהאַקן דעם קאָפּ מיט זייער געפֿילדער". 190

שלום=עליכם, 18, 18.

1940 " די באַנדוריסטן זייַנען שטיל געוואָרן, און

דאָס געפֿילדער אויפֿן מאַרק ווערט אַלץ שטאַרקער". 185

דרוקער, (1), 93.

1972 " יִינגלעך, ווײַיסע =חבֿרהניקעס, האָבן זיך |...| געשפּילט אין אַ "יאָג" |...| און פֿול געמאַכט דעם הויף מיט זייער געפֿילדער". ראָזענפֿאַרב, 2, 117. 177

|| געפֿילדערדיק - אַדי/אַדוו. (שנש)טומלדיק, רוישיק, ליאַרעמדיק.

1928 " אויף אָנוטשעס פֿאַר יענע |...| וואָס זײַינען אַ מאָל געפֿאָרן אין די ווײַיסע געפֿילדערדיקע עשאַלאָנען". קושניראָוו, 3, 8. 237

געפֿילדעריק - אַדי/אַדוו. (שנש) דזוו דפֿוו.

1948 " |...| יאָגן זיך געפֿילדעריק". לוצקי, 3, 193. 238

ג ע פֿ י ל ד ע ר ט – פֿאר <u>פֿון</u> <u>פֿילדערן</u>.

ג ע פּ י ל נ ע ו ר ע ט – פּאַר פּון פּילנעווען.

ג ע פ י ל פ ו ל ט |געפילפלט| ז י ך - פאר פון פילפולן זיך.

ג ע פֿ י נ ט ל ט – פֿאַר פֿון פֿינטלען.

78

ג ע פֿ י נ ע ט - פֿאַר פֿון פֿינען.

ג ע פֿ י ס ק ע ר ײַ — דאָס, בא. דאָס פּיסקען (פּישטשען) פֿון אַ סך פֿייגל.

... „די לופֿט װערט פֿול געררויש פֿון פֿליגל, |...| אַ געשפּילערײַ, אַ געפּיסקערײַ". פּרץ, |?7|, בילדער און סקיצען.

249

ג ע פּ י ע ש ט ש ע ט - פֿאַר פֿון פּיעשטשען (זיך)

|| געפּיעשטשעטקייט.

געפ - 82.

געפּיפּס - דאָס/דער, באַ. פּפּ געפּיפּץ. דאָס פּיפּסען/ פּיפּצען פֿון אַ סך פֿייגל.

1953 " אין זאַק - אַ שטייַג, און אין איר - אַ יום=טובֿדיק געפּיפּס, פֿייגל האָפּסלען, ווי אויף ביימערדיקע צווייַגן". פֿרידמאַן, 1, 126. 258

ג ע פּ י פּ ס ע ט  -  <u>פֿאר פֿון פּיפּסען</u>.

ג ע פ י פ ץ - דאס/דער, בא. דזוו געפיפס.

1895 " צוזאַמען מיט דעם לוסטיקן געפיפץ פון די

259 פייגעלעך און מיט דעם רויש פון די בלעטער |...|".

פער 20, נ' 1, ז' 2 - II.

|| געפיפצעריי - דאס, בא. דזוו געפיפץ.

1885 " די שכנים האָבן געזאָגט אַז זיי האָבן טאַקע

260 געהערט אין האַלבער נאַכט א געפיפצעריי".

נוסבאַום, 1, 41.

ג ע פ י פ ק ע ט – פאר פון פיפקען.

ג ע פּ י פּ ק ע ר יַי – דאס, בא. דאָס פּיפּקען פֿון אַ סך מענטשן.

... " אַז דער עולם האָט דאָס דערזען, האָט ער |מען?| געמאַכט יד=אחת, און עס איז געוואָרן אַ געפּיפּקעריַי!".

פּרץ, ר' נחמנקעס מעשיות.

261

ג ע פֿ י ק ט - פֿאַר פֿון פֿיקן.

ג ע פֿ י ק ל ט - ----> <u>געפֿעקלט</u>.

ג ע פּ י ק ע ו ו ע ט - <u>פּאר</u> <u>פֿון</u> <u>פּיקעווען</u>.

ג ע פּ י ש ט – פֿאַר פֿון פֿישן.

ג ע פּ י ש ט ש – דאָס, באַ. דאָס דויערנדיקע פּשטשען אָדער דאָס פּישטשען פֿון אַ סך פֿייגל.

1925 " |...| האָט עפּעס נײַס געגומען ציִען אין דער לופֿט // מיט דין, מיט שאַרף, מיט אײַנגעשפּאַרט געפּישטש". י. י. שוואַרץ, 3, 53. 266

|| געפּישטערײַ – דאָס, באַ. דזוו דפֿוו.

1920 " שטיל איז געווען. נאָר ווײַט, גאָר ווײַט האָט זיך געגאָסן אַ געפּישטשערײַ פֿון טויזנטער פֿאַרבאָרגענע פֿייגעלעך |...|". ווײַסענבערג, 5, 251. 268

ג ע פֿ י ש ט ש ע ט – <u>פֿאַר פּון</u> <u>פֿישטשען</u>.

ג ע פֿ כ י ק ע ט - פֿאַר פֿון פֿכיקען.

ג ע פּ ל אָ ג ט - פֿאַר און פֿאַדי פֿון פּלאַגן.

|| געפּלאַגטערהייט - אַדוו.

געפּלאַגטקייט - די, בא.

ג ע פּ ל אַ ט ש ט - אַדי/אדוו. 1. פּלאַטשיק, פּלאַך.

2. (פיג) ניט=רווחדיק.

1868 " זײַט די ביטערע גזירה |...אַז די גוטע ייִדן| זאָלן ניט דערוועגן |זיך| אַרויסצופּאָרן פֿון זייערע שטעט, און מען קוקט גאַנץ שטאַרק אויף זיי, זײַט דעמאָלט איז דער עסק |פֿון געלט קלײַבן| זייער געפּלאַטשט געוואָרן". פּער 177, נ' 12, ז' 89 - III.

|| געפּלאַטשקייט.

געפּ – 97.

ג ע פּ ל אַ נ ט – פֿאַר און פֿאַדי פֿון פּלאַנען (פּלאַנירן).

1947 " |...| זאַלען מאַטעריאַלן |...| כּדי צוגרייטן די נייטיקע פּראָיעקטן פֿאַר געפּלאַנטע רעפֿאָרמען". 285

יזב 8, 10.

|| געפּלאַנטקייט.

ג ע פּ ל אָ נ ט ע ט - פּאַר פֿון פּלאָנטען.

**ג ע פּ ל אָ נ ט ע ר** - <u>דער, בא.</u> 1. דאָס דויערנדיקע
פּלאָנטערן.

2. אומגעאָרדנטע פֿאַרוויקלונג/פֿאַרבינדונג; פּלאָנטער.
% די פֿעדעם האָבן זיך צונויפֿגעמישט אין אַ גרויסן
געפּלאָנטער, וואָס איז שווער אויפֿצווויקלען. ס'איז
שווער דורכצוגיין דורכן <u>געפּלאָנטער</u> פֿון קוסטעס.

1939 " אויבן - אַ מחנה אָפּאַליקע טויבן,// זיי קענען
293 זיך אויך ניט אַרויסרייסן פֿונעם <u>געפּלאָנטער</u> ניגונים".
<u>סוצקעווער, 3, 186.</u>

1956 "פֿאַרקלאַפּטע שויפֿענצטער, און זעק מיט זאַמד, |...|
295 און פֿון האַרמאַטן=גאַרגלען אַ פֿאַרטייַעטער <u>געפּלאָנטער</u>".
<u>מאַרקיש, 10, 203.</u>

1970 " אַ <u>געפּלאָנטער</u> פֿון געדאַנקען האָט בײַ אים
297 געטאַנצט אין קאָפּ". <u>ה. יאַכימעק, יזב 7, 155.</u>

געפּ – 100.

3. קאָמפּליצירטער מצבֿ. % די מלחמה האָט אַריינגעפֿירט דאָס לאַנד אין אַ געפּלאָנטער פֿון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שוועריקייטן.

1972 " |...| דאָרט ליגט דער סוד, וואָס האָט געפֿורעמט דעם מענטש, פֿון דעם סוד פֿירט דער געפּלאָנטער אַהער". ראָזענפֿאַרב, 3, 224.

ג ע פ ל אָ נ ט ע ר ט – פאר און פאדי פון פלאנטערן.

|| געפלאנטערטקייט.

ג ע פֿ ל אַ נ כ ע ט  -  פֿאַר פֿון פֿלאַנכע(ע)ן.

ג ע פֿ ל אָ נ ע װ ע ט - פֿאַר פֿון פֿלאָנעװען.

ג ע פֿ ל אַ פּ ל – <u>דאָס, בא.</u> דאָס דויערניקע פֿלאַפּלען אָדער דאָס פֿלאַפּלען פֿון אַ סך.

1912 "איז דען די הייליקע נבֿיאות פֿון דוד=לייזערן עפּעס מער ווי אַ <u>געפֿלאַפּל</u> פֿון מענטשלעכער שיכּרות". 368
<u>זשיטלאָווסקי, 1, 101.</u>

1930 " דאָס איז דאָס ערשטע <u>געפֿלאַפּל</u> פֿון דעם דאָזיקן קינד, וואָס ווערט יעדן טאָג אויסגעשריגן פֿון 305
מיליאָנען העלדזער |...|". <u>אײַנהאָרן, 7, 129.</u>

1972 " דזשוניעס הײַטער <u>געפֿלאַפּל</u> איז אָפּט איבערגעריסן געוואָרן". <u>ראָזענבֿאַרב, 2, 63.</u> 303

|| <u>געפֿלאַפּלערײַ</u> – <u>דאָס, בא.</u> <u>דזוו דפּוו.</u>

ג ע פֿ ל אַ פּ ל ט – פֿאַר פֿון פֿלאַפּלען.

ג ע פֿ ל אַ ץ - דאָס/דער, בא. דאָס פֿלאַצן.

1932 " מיט אַ מאָל - געפֿלאַץ; אויף פֿעדעמשטראַלן //

שטיקערווײַז לבֿנה=לײַב נעמט פֿאַלן". לייוויק, 6, 220. 315

~~(לידער פֿון אומקום").~~

1935 " ביז צום געפֿלאַץ דאָס געפֿיל אָנגעצויגן".

סוצקעווער, 3, 36. 316

|| געפֿלאַצערײַ - דאָס, בא. דזוו דפֿוו.

1935 " |...| דערהערט אַזאַ פֿלוצלעכדיק געפֿלאַצערײַ

פֿון גלאָז". פֿערלע, 3, 225. 323

ג ע פֿ ל אַ צ ט - פֿאַר און פֿאַדי פֿון פּלאַצן.

1968 " |...| דער בעל=תשובֿה איז אַ מענטש, וואָס זײַן

קאנק לעבן איז שוין צונויפֿגעדראָטעוועט פֿון שטיקלעך און

שערבלעך, ווי אַ געפּלאַצטער ליימענער טאָפּ".

גראַדע, 7, 271.

|| געפּלאַצטערהײַט - אַדוו.

געפּלאַצטקייט - די, בא.

ג ע פ ל ו י ד ע ר - דאס, בא. דאָס דויערנדיקע פלוידערן
אָדער דאָס פלוידערן פון אַ סך מענטשן.

1911 " באַלד טאַקע קומט מיר צו די אויערן אַ געטומל,
קאנק אַ געפלוידער". מענדעלע, קאנק 1268580.

|| געפלוידעריי - דאס, בא. דזוו דפוו.

1888 " עס איז אַ גערייידעריי, אַ געפלוידעריי:
קאנק געשליפענע צינגלעך קלאַפן, מיילער אויף שרויפן
|...|". מענדעלע, 3, 155.

ג ע פֿ ל ו י ד ע ר ט - פֿאַר פֿון פֿלוידערן.

געפּלויש - דאָס, בא. דאָס דויערנדיק פּלוישן אָדער דאָס פּלוישן פֿון אַ סך.

1954 " ווען גריין און אַננאַ זיינען אריינגעקומען,
326 האָט נאָך דאָס געפּלויש געדויערט אַ ווייל |...|".
באַשעוויס, פֿער 155, 26/IV.

1973 " האָט דאָס געפּלויש פֿון דער מירט מיך באַשווירן,
328 מיך גערופֿן צו זיך |...|". שארגעל, פֿער 38, 158.

ג ע פֿ ל ו́ י ש ט - <u>פֿאַר</u> <u>פֿון</u> <u>פֿלוישן</u>.

ג ע פֿ ל ו צ ע ם - דער, בא. (שנש)פֿלוצעמדיקייט,

אומגעריכטקייט.

1939 " ווי אַ רעגן, וואָס פֿאַלט אויף אַ פֿעלד אין

געפֿלוצעם, // אַז ניטאָ קיין באַהאַלט און קיין היים 332/333

איז אַ חוץ אים,// איז אין מיט פֿון די וועגן //

מיך די ליבע באַפֿאַלן |...|". סוצקעווער, 3, 192.

112/1 געפ –

געפֿליאַסק – דאָס, בא. דאָס דויערנדיקע פֿליאַסקען/ פֿליעסקען.

1973 " אַרום דעם שטעטל |מאַנדזשעוו| האָט געפּלייצט געלאַסן און אומבאַזאָרגט דער טײַך פּשעמשאַ, |...| 330/א

דערנאָך אַרײַנגעפֿאַלן מיט גרויס געפֿליאַסק |...|

אינעם באַלטישן ים". יזב 16, 390.

(?נ?)

ג ע פֿ ל י ד ע ר - דאָס/דער, בא. בנב.

1946 " |...| אינדיקעס זענען איבערגעבליבן אין די הינערשטאַלן און זייער געפֿלידער האָט צוגעגעבן פֿריציש רחבֿות דעם דלוטאָווער 'הויף'". י.י. טרונק, 4, 204. — קאנק

1948 " די בויד איז אָנגעפּאָרן מיט אַ גרויס געפֿלידער". דצוו, 185. — קאנק

| |
|---|
| רעד: ס'איז מסתּמא אַ טעות אין דרוק אָדער פֿון דער קאָנקאָרדאַנץ און ס'דאַרף זײַן "געפֿילדער". |

ג ע פֿ ל י ו ך – דאָס/ דער, בא. דאָס דויערנ׳יקע פֿליוכען, דאָס פֿליוכען פֿון אַ סך וואַסער.

ג ע פֿ י ר כ ע ט - פֿאַר פֿון פֿליִרכען.

ג ע פֿ ל י ו ס ק ע ט   -   <u>פֿאַר פּוֹן</u> <u>פֿליוסקען</u>.

ג ע פֿ ל י ו ש ק ע ט - פּאַר פֿון פֿליושקען.

ג ע פֿ ל י ע ס ק - דאָס/דער, בא. 1. דאָס דויערנדיקע פֿליעסקען (זיך) פֿון/אין וואַסער. % דאָס געפֿליעסק פֿון די כוואַליעס.

1968 " דאָס וואַסער אין צוגעפֿאַלן צום ברעג מיט אַ שטילן געפֿליעסק". גראדע, 7, 95. קאנק

1970 " ס'רינען אַרויס דורך דער צעריסענער נעץ מיינע אַלע געפֿאַנגענע אוצרות און פֿאַלן אַריין מיט אַ חוזקדיקן געפֿליעסק אין אַ מוראדיקן אָפּגרונט". סוצקעווער, 7, 95. קאנק

2. דאָס דויערנדיק פֿליעסקען מיט די הענט.

1956 " ס'האָט זיך אַ דונערנדיקער הענטגעפֿליעסק דערהערט |...|". מאַרקיש, 11, 436.

|| געפֿליעסקעריַי - דאס, בא. דזוו דפֿוו.

צו ב 2.

1866 " אַנו, גייט נאָר אַריַין בשעת דאַווגען: |...|
מע ווערט שיִער טויב, אַ געלויפֿעריַי, |...| א 353
געפֿליעסקעריַי ווי אין אַ טעאַטער". פֿער 177, נ"4, ז"58.

1893 "דערביַי איז אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ געפֿליעסקעריַי,
כּמעט אַזוי ווי אין די שילן צו די הקפֿות". 347
ארענשטיין, 2, 14.

געפ - 120.

ג ע פֿ ל י ע ס ק ע ט - פֿאַר פֿון פֿליעסקען (זיך).

ג ע פֿ לױ ש ט ש - דאָס, בא. דאָס פֿליעשטען (זיך).

|| געפֿליעשטשערײַ - דאָס, בא. דזוו דפֿוו.

... " די כוואַליעס האָבן זיך קעגן דער זון געשפּיגלט,

איינע מיט דער אַנדערער זיך געשושקעט |...| און 385

אַ שטיל געפֿליעשטשערײַ האָט זיך אויף די ברעגעס

אויסגעגאָסן". ווײַסענבערג, דאָס וואַלד=מיידעל. 1909 ק)

.....................................................

רעד: צום באַדויערן, מער קיין ביבל' דאַטן זײַנען

אויפֿן קאַרטל ניטאָ...

.....................................................

ג ע פֿ ל י ע ש ט ש ע ט - פֿאַר פֿון פֿליעשטשען (זיך).

ג ע פ ל ע ט - פאר און פאדי פון פלעטן.

|| געפלעטקייט.

געפֿלעף – דער, בא. (שנש) דער ~~[illegible]~~ [illegible]

~~געפֿלעפֿט~~ דײַנע [illegible] [illegible].

1945 " די נאַכט איז פֿול הײַנט // מיט געפֿלעף,

מיט ענדער". לייוויק, 310,8. 354

געפּלעפּט - 1. פֿאַר פֿון פֿלעפּן.

2. דול, פֿאַרדולט, פֿאַרטויבט, שטאַרק צעמישט (פֿון איבערראַשונג, אומגעריכטיקייט, שרעק); פֿריטשמעליעט.

% בלייַבן (שטייַן/זיצן) ווי געפּלעפּט. % פֿון דער שרעקלעכער ידיעה זייַנען זיי געזעסן געפּלעפּטע, ניט געקענט אַ וואָרט אַרויסברענגען.

1873 " קענסט דאָך דיר משער זייַן, ווי מיר זענען געבליבן ווי געפּלעפּט און ווי איטלעכן איז געוואָרן אויפֿן האַרצן". מענדעלע, 1, קאַנק 96150. קאנק

1935 " די לייַט פֿון גאַרניַ זענען געבליבן געפּלעפּט, מחמת פֿאַרוואונדערונג". באַשעוויס, 1, 153. קאנק

1968 " נאָך איידער דער געפּלעפּטער אַמדורער מרא=דאתרא האָט באַוויזן אים ענטפֿערן, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אויף און איז אַרויס פֿון בית=הרבֿ". גראַדע, 7, 179. קאנק

|| <u>געפּלעפּטקייט</u> - <u>די, בא</u>.

געפ - 127.

געפּ ניאַקלט - אַדי. (נש) ווי אַ פּניאַק, וואַרצל,
שאַרסטיק|אוּוו|.

ג ע פּ ס ל ט |געפּאַסלט| - פּאָר פֿון פּסלען.

ג ע פּ ס ק נ ט|געפּאַסקנט| - פֿאַר פֿון פּסקענען.

ג ע פּ ע ד ל ט – פֿאַר פֿון פֿעדלען.

(?נ?) ג ע פֿ ע ו/ג ע=פֿ ע = א ו - די, בא. די איניציאַלן

אין רוסיש פֿון דער סאָוויעטישער געהיים=פּאָליציי

אין די 30 ער יאָרן:* Г.П.У.(Главное Политическое Управление)

1932 " איך גרייס זיך איצט מיט דעם, וואָס אויף מײַן

ערד שטייט און וואַקסט אַ שטאָלצע געפּעאו". 395

כאַריק, 2.

|| געפּעאוניק - דער, =עס. אַגענט פֿון דער געפּעאו

|סטוטש 600|.

* GLAVNOIE POLITI ~~Ca~~t~~ʃ~~eSKOIE
upravlenie

געפ - 132.

(?נ?) |געפּעכט| ג י פ ע כ ט - אדי/אדוו. באַדעקט/אָנגעשמירט מיט פּעך.

1717 " |...| מוז מן איר אלש מיט געבן אונ' מוז איר איין דיכטן גיפעכטן (ארון) מאכן". ס' החיים, דף לח - !!. 398

---

רעד: ביַי סטוטש ניטאָ קיין ווערב "פּעכן", אָבער מיר ליגט יאָ אין זכּרון אַזאַ וואָרט. "פּעכן דעם דאַך".

---

|| געפּעכטקייט - די, בא.

132/1

געפ –

געפֿעליענגענוועט – (פֿויל, נאָ)

פֿאַר פֿון פֿעליענגענוועגן.

119

ג ע פּ ע ל ע – דאָס, =ך. פּפּ צו גאָפּעלע, פּקפּ

פּקפּ פֿון גאָפּל. 1. קלײנער גאָפּל, גאָפּעלע.

2. מצ. (עלט?) דאָס צווײַגל (אין דעם אויסזען פֿון אַ גאָפּל),

וואָס מע פֿלעגט אַרײַנשטעקן צווישן די פֿינגער פֿון

טויטן אין קבֿר.

1866 " אויף דעם בית=עולם |...| הייבט זיך אָן אַ

געשרײַ: ווי זענען די קרשים, די געפּעלעך, די

שערבלעך |...|". פֿער 177, ג' 10, ז' 155.

דער מאַמעס געפּעלעך – (איר) די פֿינגער.

402

געפּ – 133.

ג ע פּ ע נ ט – דאס, בא. 1. דאָס פּענטען.

2. (שנש) שטייפּע, ענגע בינדונג.

1931 " בלויע נאַסע הענט מיט אָדערן=געפּענט –

פּאַרוויינטע, ליגן אויף די רעלסן". מאַרקיש, 5, 184. 403

## געפענטעט - פאר פון פענטען.

|| געפענטעטערהייט - אדוו. % זי [illegible]

געפענטעטקייט - די, בא.

1938 " פענטעט זיך אין איזערנע קייטן, גיט זיך

415 איבער אין די הענט |פון| דעם שׂכל |...| און שלעפּט

צו זיין געפענטעטקייט אפילו דעם |...| פּאַעט פון

פאַרצייטנס, דעם אפגרונט טיפן יחזקאל". קאראלניק,73,1.

ג ע פ ע ס ט ע ט - 1. פאַר פון פעסטען.

2. אדי. שטאַרק צעבאַלעוועט, אָפּגעהיט, ציטעריקע.

1921 " עס זיינען נאָך דאָ אויף דער וועלט אַזעלכע

415/א געפּעסטעטע, ציטעריקע נפשות". ראובני, 1, 83.

געפּעק – דאָס, באַ. פּעקלעך, זאַכן פּאַרפּאַקטע צום פּאָרן; באַגאַזש. % דאָס געפּעקס זײַנס באַשטײט פֿון עטלעכע וואַליזעס און אַ קלײן רענצל. די וואָג פֿון געפּעק אין עראָפּלאַן איז באַגרענעצט.

1896 " דאָס געפּעק האָט ער געהײסן אַרײַנטראָגן אין זײַן צימער". ו. שפּירא, (1), 129. 428

1927 " דער וועג פֿירט פֿון מצרים ניט,// ניט גאָלד איז דאָס געפּעק". מ.ל. האַלפּערן, 3, 95. 427

1974 " יוסף איז געקראָכן איבער געפּעק און איבער אויסגעשטרעקטע פֿיס און שלאָפֿנדיקע קינדער". עלבערג, 2, 300. 426/א

0 **געפּעק=וואַגאָן** - דער, =ען. וואַגאָן פֿאַר באַגאַזש.

% די שווערע וואַליזעס האָט ער אָפּגעגעבן אין **געפּעק=וואַגאָן**.

**געפּעק=טרעגער** - דער, =ס. דער באַדינער וואָס טראָגט דאָס געפּעק ( דעם באַגאַזש) אויף אַ וואָקזאַל, אַ לופטפּאָרט. % דער **געפּעק=טרעגער** האָט אים געהאָלפֿן אַראָפּנעמען די שווערע רענצלעך פֿון דער טאַקסי.

1968 " רעשיקע, פּאַרביקע |...| מאַגנות **געפּעק=טרעגער**, ציגאַרעטן=פּאַרקויפֿער און אַלערליי הענדלער".

א. ביי‌ער, יזב 2, 584.

**גיפּעק**.

1648 " דא זיין מיר אל גילופן אנוועק,// |...| דא האבן זיא |די רויבער| גיפילט **גיפעק** אונ' זעק |...|". 431

מגילת ווינץ, דף 14.

ג ע פּ ע ק ל ט – 1. פֿאַר פֿון פּעקלען, |פֿפֿ געפּיקלט?|

2. אַדי. (וועגן פֿלייש־פּראָדוקטן) קאָנסערווירט אין זאַלץ, פֿעפֿער און אַנדערע קאָנסערוויר=מאַטעריאַלן.

1914 " עס האָט געשמעקט היי, |...| פֿרישע גריבענעס, געפּעקלטע גענדז". מ. ריוווקין, (1), 167. 442

1930 " די סטאָק=יאַרדס, דאָס זענען נישט בלויז פֿלייש־
פֿאַבריקן, וואָס שטעלן צו גאַנץ אַמעריקע קאָרנעד ביף, 443
געפּעקלטע צונג, חזיר=שינקען און אַנדערע פֿלייש־פּראָדוקטן".
אייזנהאַרן, 7, 145.

1930 " געפּיקלט פֿלייש און קאַרטאָפֿל |...| זענען
אַזעלכע געשמאַקע זאַכן". אש, 11, 145. 264

רעד: מיגלעך ס'איז אַ גרייז פֿון דרוק אָדער איבערשרייבער
און ס'דאַרף דאָ אויך זײַן "געפּעקלט", אויף יעדן פֿאַל
גיב איך די פֿאָרמע אויך.

געפּ – 139.

2. (וועגן ברויט) אײַנגעפּאַקט ספּעציעל אין צעשניטענע
רעפּטלעך.

1963 "[...] דאָס ווערטל וועגן גוט אויסגעבאַקן ברויט:
בעסער שוואַרץ און פֿעסטע איידער ווײַס און לעפּקע – 441
בײַם פֿאַרגלײַכן די ווײַסע היגע געפּעקלטע ברויטן,
פּאַסט זיך עס זיכער". י. וואַלאַך, פֿער 69, 25/VIII.

3. (עלט?) געשמוגלט, פֿון קאָנטראַבאַנדע.

1884 " מע זאָגט, יענער האַנדלט מיט געפּעקלטער
סחורה, מיט פֿאַלשע אַסיגנאַציעס וכדומה". 445
פֿער 74, נ' 5, 67.

ג ע פֿ ע ר ל ט – 1. פּאָר פֿון פֿערלען.

2. אַדי/אַדוו. (וועגן רייד) שײַן קלינגענדיק, אָפּגעטאַקט.

% געפֿערלטע רייד, ער איז באַוווּסט מיט זײַן געפֿערלט לשון.

1893 " אַז ער פֿלעגט זיך שטעלן מיט זײַן שאַרפֿן צינגעלע
|מיט| די געפֿערלטע ווערטעלעך |...| פֿלעגן אַלע 447
שטיין |...| מיט אָפֿענע מײַלער". א.וו. אַלטמאַן,(1),83.

1908 " זײַן דרוש איז געפֿערלט, זײַן מפטיר איז זיס".
ראַזענפֿעלד, 2, 304. 451

1902 " |רעדט| בריטלעך און געלאַסן, מיט געפֿערלטע
ווערטער". שלום=עליכם, 37, 255. 450

רעד: געפֿינען די ציטאַטע, אבֿט, יאָר.

געפ - 141.

3. (שנײַדעריי) וועגן אַ מין שטעך: געפֿערלטעשטעך |סטוטש 526|. געגויער בגב.

ג ע פּ ע ש ט ש ע ט – <---- <u>געפּיעשטשעט</u>.

(ג ע)פּ ר אָ ב י ר ט – פֿאַר פֿון פּראָבירן.

געפ - 144.

ג ע פ ר אַ ו ו ע ט - פֿאַר פֿון פֿראַוועז.

2. אַדי. (עלט, וועגן וויַין) צוגעפּראַוועט, צוגעגרייט אויף אַ באַזונדערן אופֿן (געגוויער בנבֿ).

1843 " איך וועל דיך אָנטרינקען מיט מצות|# מיצוועס| און מיט טעמים פֿון דער תּורה וואָס זײַ זענען בעסיר פֿון גיפּראַוויטין ווײַן". איבז. בראַנדיס, 63,2. 456

130

ג ע פ ר א ז ש ע ט - פֿאַר פֿון פֿראַזשען.

ג ע פֿ ר אַ ל - דאָס/דער, ב״א. 1. דאָס ברייטע צעעפֿנען (זיך) (פֿון אַ טיר, טויער, פֿענצטער), אויך דער רעש ביַי דעם עפֿענען.

1946 " דאָ האָט זיך מיט אַ געפֿראַל געעפֿנט די טיר".
י.י. טרונק, 5, 81. 462

1969 " אין צווישן די געשרייען האָט זיך די טיר
געעפֿנט מיט אַ געפֿראַל". דלוזשנאָווסקי, פֿער 155, !!!/6. 464

2. רעשיקייט, טומלדיקייט (ביים רעדן).

1956 " און דער וויכּוח האָט געשטיגן מיט געפֿראַל |...|".
מאַרקיש, 10, 506. 463

ג ע פּ ר אָ ל ט - פֿאַר פּון פֿראַלן.

ג ע פ ר אָ פ ט - אַדי/אַדוו. איבער פול, אָנגעשטאָפּט.

% פול געפראפטער זאַל.

1925 " ס'איז ענג געווען, געפראפט, דערשטיקט צו

ווערן". י. י. שווארץ, 3, 243. 466

1966 " דאָס בית=מדרש איז געווען געפראפט מיט מענטשן".

יזב 22, 396. 468

|| געפראפטקייט - די, בא.

ג ע פֿ ר אָ צ ע וו ע ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>פֿראַצעווען</u>.

ג ע פּ ר א ש ע וו ע ט - פּאַר פֿון פֿראַשעווען.

1939 " |...| האָט פֿאַרלאָזן די פּאַפּשויעס ביט געפּראַשעוועט".

470 מ. אַלטמאַן, 3, 115.

| |
|---|
| באַמ: פֿון קאַרטל איז ניט קלאָר: א) פּראַשעווען אָדער פֿראַשעווען; ב) פּראָשעווען אדער פּראַשעווען; אַזוי צי אַזוי, איז מיר דער באַטײַט ניט באַקאַנט. |

(?נ?) (ג ע)פּ ר ו ב י ר ט - פּאַר פֿון פּרובירן.

.150 - געפ

(?ג?) ם |געפּרודל| ג י פ ר ו ד י ל - קאָכעניש, געדראַנג.

... " דיין גיזעל שפּראַך איי צו ליבר לודיל//

ווערשטי צו דוך צו קוועטשט אין דעם גיפּרודיל". 476

בבא=בוך, סטראפע 123, ~~תכות~~ שורות 7 - 8.

געפּרו.וו - <u>דאָס, =ן.</u> (<u>נש</u>) נסיון, געניטקייט,
(<u>דטשמ</u>) דערפֿאַרונג, איבערלעבונג; עקספּעריענץ.

1938 " |...| איך זאָל ניט אויסשפּרייטן די דאָזיקע
באַהויפּטונג אויף באמת מוזיקאַלישע מענטשן, וואָס 479
וועגן זיי האָב איך צופּעליק ניט קיין געפּרוּוו".
<u>איבן ווײַנרײַך, 2, 87.</u>

|| <u>געפּרוּוויק</u> - <u>אדי/אדוו.</u> שײַכדיק צו געפּרוּוו,
פֿון געפּרוּוו; (<u>דטשמ</u>) דערפֿאַרן.

ג ע פֿ ר ו ·ו ו ט – 1. פֿאַר פֿון פֿרהווין.

2. וואָס איז דורכגעגאַנגען/האָט דורכגעמאַכט אין לעבן אַ סך, באַזונדערש שווערע איבערלעבונגען, נסיונות.
% ער איז אַ געפֿרווּוטער, מע קאָן אים שוין מיט גאָרניט איבערשרעקן.

1943 " איך בין אַ געפֿרווּוטע, און איך בין צו דיר געקומען ניט נאָך קיצבה, נאָר מאַנען, וואָס סע קומט!". קאַנק
נסתּר, 5, 190.

1968 " נישט איין מאָל פֿלעגט אַ געפֿרווּוטער טאַטע |...| פֿון אַ קראַנקן טרייסטן דעם געזונט געוואָרענעם 473
פֿעלדשער". יזב 2, 370.

|| געפֿרווּוטקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן געפֿרווּוט.

געפ - 154.

1948 " פֿאַראַן |...| יסורים פֿון אַן איוב, ווען דער מענטש ווערט געפּרוּווט, נישט ווייסנדיק פֿאַר וואָס און נישט זייענדיק אימשטאַנד זיך צו דערקלײַבן צו די סיבות פֿון זײַן געפּרוּווטקייט |...|". קאנק

נסתּר, 6, 328.

1965 " זײַן |טשוירטשילס| וואָרט האָט געהאָלפֿן ווײַזן דער וועלט דאָס געשטאַלט פֿון אַ פֿאָלק, וואָס קאָן נישט באַזיגט ווערן אין זײַן שווערסטער געפּרוּווטקייט". 493

גלאַטשטיין, פּעק69, I/29.

געפּרוּווטערהייט - אַדוו. אין משך פֿון זײַן געפּרוּווט.

שווער געפּרוּווט - פֿר. איבערגעלעבט אַ סך שווערע מאָמענטן/נסיונות אין לעבן.

געפ - 155.

ג ע פֿ ר יי ד י ק ט - <----- **געפֿרעדיקט.**

ג ע פֿ ר ײַ ז ט - פֿאַר פֿון פֿרײַזן.

|| געפֿרײַזטקײט - די, בא.

ג ע פ ר יי כ ט – פאר פון פרייכן.

ג ע פ ר ע ג – דער, =ן. (דטשמ?)מערקצייכן, שטעמפּל,

חותם, כאַראַקטעריסטיק.

1963 " דער סאַמע אַנטשיידנסטער |...| פֿאַקטאָר, וואָס

האָט אַרויפֿגעלייגט דעם 'חותם', דעם געפּרעג פֿון

אינדיווידואַליטעט אויף אַלע זײַנע שאַפֿונגען, איז

געווען א זײַן שטימע". וויגאַדאַ, פּער 155, VIII/18. 504

(?ג?) ג ע פֿ ר ע ג ט — פֿאַר פֿון פֿרעגן.

|| געפֿרעגטקייט — די, בא.

ג ע פֿ ר ע ג ל ט - פֿאַר פֿון פֿרעגלען.

געפֿרעגלטעהייט - אדוו.

געפֿרעגלטקייט - די. בא.

ג ע פֿ ר ע ג ל ט ט – דאס, בא.דזוו געפֿרעגלעכץ.

ג ע פֿ ר ע ג ל ע כ ץ - <u>דאס, =ן</u>. 1. אײַנגעמאַכטס,

קאָנפֿיטורן, % די קינדער האָבן ליב: <u>געפֿרעגלעכץ</u>

פֿון קאַרשן. די באָבע טרינקט טײ ניט מיט צוקער

נאָר מיט <u>געפֿרעגלעכץ</u>.

1883 "ווי עס איז שוין באַקאַנט אין פּ... און נאָך

אין פֿיל אַנדערע שטעט אונדזערע צוקער=געבעק און 507

אַלע סאָרטן <u>געפֿרעגלעכץ</u> אונטער דעם נאָמען:

'באָריסאָווער אײַנגעמאַכטס'". <u>פֿער 74, ג' 4, ז' 63</u>.

1963 " בײַם שײַן פֿון לעמפּל האָט משהקע דערזען אַ

פֿולן לעפֿל מיט אַ דורכזיכטיק <u>געפֿרעגלעכץ</u>". 518

<u>שניאור, פֿער 69, !!/24</u>.

2. פּאַנקוכן, פֿרעזשעניצע.

געפ - 163.

[...]

1890-1903 " דער פּסוק 'מי ומי הולכים' האָט אַ ביסל אויפֿגערודערט די שטאָט, אָדער ווי פֿישל דריקט זיך אוים |...| 'געמאַכט פֿון איר אַ געפּרעגלעכץ'.

שלום-עליכם, 24, 29-30.

1963 " געלייגט אַן איי,// אַ ווילעוואָק - // און ליגט צעטראַסקעט אויפֿן ברוק,// ווי אַ געפּרעגלעכץ".

מ.מ. שאַפּיר, 1, 178.

ג ע פֿ ר ע ס ט - 1. פֿאַר פֿון פֿרעסן.

2. אַדי/אַדור. (פֿיג) געשפּאַנט, אָנגעשטרענגט, אומרויִק, דערדריקנדיק. % געפֿרעסטע שטימונג. א געפֿרעסטע שטילקייט האָט געהערשט אין דער אַבֿלים=שטוב.

1960 " שילדערן מיט אַזאַ אויפֿשוידערנדיקער שטילקייט
און מיט אַזאַ געפֿרעסטער שפּאַנונג, קאָנען בלויז 530
יחידי=סגולה". פֿער 47, דעצעמבער, ז' 30 - [illegible].

1961 " יעדער מחשבֿה האָט זיך, אַ פּנים, מיט אָט דעם
וואָרט אין זייַן געפֿרעסטן מוח אָנגעהויבן |...|". 528
בערגעלסאָן, 18, 42.

3. (פֿיג) פֿאַרשטיקט. % ער רעדט מיט א געפֿרעסטער שטימע,
~~קול |...|". האַראַנטשיק, 4, 26.~~

[1950] „האָט די מאַמע זיך אָנגערופֿן מיט אַ געפֿרעסטן קול
[...]". האַראַנטשיק, 4, 26. 528 א'

4. (וועגן רייד, שריפט) קאָנצענטרירט, ניט צעצויגן, קורץ. % אין אַ געפּרעסטער פאָרעם האָט דער רעפּערענט כאַראַקטעריזירט דעם שרײַבער.

|| געפּרעסטערהייט – אַדוו. אין מצב פון זײַן געפּרעסט.
% די וועש ליגט שוין געפּרעסטערהייט אין שאַפע.

געפּרעסטקייט – די, בא. אייגנשאַפט אָדער מצב פון זײַן געפּרעסט.

[בורשטין]

☐ געפּרעסטער בורשטין – "צונויפגעשמאָלצן פון גאָר קליינע שטיקלעך פון דעם אָפּפאַל ביים אַרבעטן" |מ. מארק, פער 90, XIII, ז' 119|.

ג ע פ ר ע פ ל – דאס. בא, דאָס דויערנדיקע פּרעפּלען.

% מאָנאָטאָן האָט זיך געצויגן דעם גלחס געפּרעפּל.

1938 " ווי גרויער לויג // פאַרשמירט מײַן אויג//

544 און אויך דער צונגס געפּרעפּל // דער וואָרגן באַלד".

סוצקעווער, 3, 216.

1973 " זײַנע ווערטער זענען געווען אַ קנויליק

541 געפּרעפּל פון דרײַ פאַרשיידענע לשונות".

שפּיגל, 5, 134.

געפ – 167.

ג ע פּ ר ע פּ ל ט – פּאַר פון פּרעפּלען.

ג ע פּ ש ט ל ט |געפּשעטלט| ז י ך – פֿאַר פֿון פּשטלען זיך.